בס״ד

# עונג שבת

## פרשת עקב תשס״ז

**גוט שבת אלע אידן.** עס דערנענטערט זיך יעצט די גרויסע אלול טעג וואס זענען א באזונדערע צייט צו מכוון זיין ביי דער תפילה. וועגן דעם איז עס כדאי די וואך זיך צו מחזק זיין אין דעם ענין פון דאווענען. אין די וואכעדיגע סדרה רעדט די הייליגע תורה וועגן די חיוב צו דאווענען צו דעם רבונו של עולם. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, ״ואתו תעבד...״ (ו,יג) לײדער, איז תפילה איינע פון די ״דברים שעומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן וכו׳״ (ברכות ו:) ד״ה, אז תפילה איז גרויסע זאך, וואס אידן נעמען נישט אן דעם חשיבות דערפון אזוי ווי עס דארף צו זיין, אזוי ווי עס איז מרומז אין דעם ווארט ״עקב״ אזוי ווי רש״י הקדוש איז מסביר.

דער אייבערשטער פירט דאך די וועלט ״מידה כנגד מידה״ אז טאמער מיר אליינס געבן נישט אכטונג אויף אונזערע תפילות ח״ו, פארוואס זאל דער אייבערשטער געבן אכטונג אויף אונזערע תפילות, ח״ו! איז לאמיר יעצט דערציילן עטליכע עובדות פון הרב יצחק זילבער ז״ל׳ס לעבן וואס וועלן אונז מעורר זיין צו פארבעסערן אונזערע דאווענען.

ביז זיין הסתלקות דריי יאר צוריק חודש אב, איז ר׳ יצחק זילבער ז״ל געווען א רבי פאר די רוסישע בעלי תשובה אין ארץ ישראל. רוב פון יענע אידן זענען געקומען קיין א״י נאכדעם וואס די אייזענע פארהאנג האט זיך ב״ה געעפענט אין תש״נ. מיר האבן פריער געשריבן דא וועגן הרב זילבער׳ס מסירות נפש צו קובע עתים זיין לתורה אין אן ארבעטסלאגער אין רוסלאנד. (עיין גיליוננו פרשת וארא תשס״ז) עס זענען דא אבער נאך עטליכע מעשיות פון אים וואס מען גיין דערציילן א חלק דערפון יעצט.

ווען רב זילבער איז געווען גאר יונג, האט שוין איבערגענומען דער מלוכה אין רוסלאנד די רשעותדיגע קאמוניסטען ימ״ש. די קאמוניסטען האבן שנעל געאסרט אידישקייט. וויבאלד אז ער איז געגאנגען יעדען טאג אין שול מיט זיין טאטען, האט ער שוין געלערנט דעם דאווענען בעל פה ביי די זעקס יאר! דאס איז א זאך וואס וועט קומען צו נוץ יארן שפעטער ווען ער איז געבליבן אנע סידור אין תפיסה וכו׳.

צוביסלעך איז נעבאך נעלם געווארן דאס אידישקייט אין רוסלאנד. ווען ער איז געווען פערצען יאר אלט, האט רב זילבער געדארפט ארבעטן אין א פאבריק צוועלף שעה א טאג, ד״ה דאפעלט וויפיל די אנדערע ארבעטערס, כדי ער זאל נישט דארפן ארבעטן שבת. אבער איין טאג האבן זיי אים געכאפט און אים אפגעזאגט פונעם ארבעט. זיין מאמע האט געטראכט אז אויב ער וועט גיין שטודירען א פאך, וועט ער קענען זיך צוריקהאלטן פון טון מלאכה שבת קודש, ווייל אפילו אז די ״שיעורים״ זענען אויך געווען שבת, וועט ער קענען זיצן דארט און נישט אראפשרייבן וכו׳.

בקיצור, אין יענע סקול האט מען געגעבן א פארהער פאר מען האט אריינגעלאזט איינעם. ער איז געגאנגען איין טאג זיך צו ״פארהערן״ צו שטודירען מאטעמאטיק. ער איז געגאנגען צו דעם ״פארהער״ אבער ער האט קיינמאל נישט געלערנט וועגן מאטעמאטיק! ווי אזוי וועט ער מצליח זיין? ער האט ארויפגעשיקט א תפילה אז דער אייבערשטער זאל אים שיקן א ישועה. ער האט גערעדט אפענעהייט צום רבונו של עולם. ״השם, איר זעהט אז איך בין מוסר נפש פאר שבת קודש. איך טו, יעצט זאלט איר באשעפער אויפטון פאר מיך!״

ער האט געווארט אין דעם פָליש אריינצוגיין צום ״פארהער,״ ווען ער האט געזען אז א גוי זיצט דארט און ער לײנט א בוך וועגן קומאניסטישע דעות. ער האט זיך געוואונדערט אז יענער גוי וואס איז אויך געקומען צו דעם פארהער, האט אריינגעקוקט אין יענע בוך, וואס האט נישט געהאט קיין שייכות צו מאטעמאטיק. דאן האט ער געבעטן פונעם גוי צו זעהן דעם בוך, און דער גוי האט עס איבערגעגעבן. רב זילבער האט געעפענט דעם בוך סתם אין מיטן א פרק, און ער האט שנעל געלײנט אפאר בלעטער. (ער האט געמעגט אריינקוקן אינעם בוך ווייל דורך דעם וועט ער אפשר נישט דארפן ארבעטן שבת.)

באלד דערנאך האבן זיי אים אריינגערופן צום פארהער. ער האט געדארפט אויסקלויבן א קארטעל פון א באקס, וואס אויף דעם קארטעל איז געשריבן געווארן דעם ענין אויף וואס מען וועט אים פארהערן. בקיצור, מיט מזל האט ער ״פונקט״ אויסגעקליבן א קארטעל וואס אויף דעם איז געשריבן געווארן דעם ענין וואס ער האט געלײנט בעפאר ער איז אריינגעגאנגען צום פארהער! די צודרייטע קאמוניסטען זענען בכלל נישט אינטערעסירט געווען אין נעמען מענטשן וואס האבן גוט געקענט דעם נושא פון מאטעמאטיק, נאר האבן זיי געוואלט אריינלאזן מענטשן וואס זענען געווען געטרייע קאמוניסטען! בקיצור, איז רב זילבער טאקע אנגענומען געווארן צו דעם סקול און מיט א שטיק צייט איז ער טאקע געווארן א טיטשער!

איבעראל וואו רב זילבער האט געארבעט אלס טיטשער, האט ער מוסר נפש געווען צו דאווענען. עס איז געווען א געוויסע סקול וואו ער האט געדאווענט שחרית בשעת ״ריסעס.״ דעם בנין וואו ער האט געארבעט, האט געהאט ריזיגען טירן, און רב זילבער האט זיך באהאלטן הינטער די טירן וואו ער האט געדאווענט באהאלטענערהייט מיט זיין תפלין אפילו. איין טאג, האט רב זילבער זיך מאריך געווען אין זיין דאווענען און ״ריסעס״ האט זיך געענדיגט צו שנעל! ער האט שנעל אויסגעטון זיין תפלין. די קינדער זענען צוריקגעקומען צו דער קלאס, וואו זיי האבן געטראפן זייער טיטשער שטייענדיק דארט אזוי ווי אן אילם ווייל ער האט גארנישט אויסגערעדט! די קינדער האבן געמיינט אז ער איז געווען ברוגז מיט זיי און זיי האבן געוואלט אים מפייס זיין! נאר ווען זיי האבן געהאט נאך א ריסעס, האט ער געקענט ענדיגען דאווענען און דעמאלט האט געקענט שוין אויסרעדן!

אן אנדערע מאל אין ווינטערצייט, ווען די שקיעה איז זייער פרי, איז עס שווער געווען פאר אים צו האבן צייט צו דאווענען, ווייל ער האט געענדיגט אין סקול זייער שפעט. ער האט זיך געגעבן אן עצה, און ער האט געדאווענט לעבן דעם באס סטאפּ. בקיצור, ער פלעגט דעמאלט קויפן א צייטונג (וואס אין יענע יארן האט נישט געהאט קיין נישט–צניעותדיגע בילדער) און ער פלעג אריינקוקן אין דעם צייטונג בשעת ער האט געדאווענט לעבן דעם באס סטאפּ. ווען ער האט געדארפט זיך ביקן אין שמונה עשרה, האט ער געמאכט אזוי ווי ער איז שטארק מעיין אין דעם צייטונג.

איין טאג, ווען ער האט אזוי געדאווענט, זענען צוגעקומען צו אים צוויי טיטשערס פון זיין סקול. איינער פון די טיטשערס איז געווען א באקאנטען מסור וואס האט שוין עטליכע טיטשערס איבערגעגעבן צום רעגירונג. רב זילבער אבער האט נישט געוואלט מפסיק זיין אין מיטן שמונה עשרה! ער האט געוויזן מיט זיין האנט אויף זיין הארץ און זיין מויל אזוי ווי צו ווייזן אז ער פילט נישט גוט. יענע טיטשערס זענען שטארק דערשראקן געווארן און זיי האבן גלייך גערופן דאקטוירים. מיט נסים איז רב זילבער ב״ה ארויסגעקומען פון יענער סכנה... נעקסטע וואך גייט מען ווייטער דערציילן אי״ה וואונדערליכע מעשיות פון ר׳ יצחק זילבער ז״ל וואס וועלן אונז מעורר זיין זיך צו פארבעסערן אין דאווענען. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו״ש של הילדה מלכה רייזל בת רחל, הילד צבי אלימלך בן שיינדל, ר׳ דוד צבי מנחם בן חיה שרה, שאשא מלכה בת גאלדא, משה דוד בן מרים.. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845) נא לעיין בדף זה לאחר התפילה ״ומי שמדבר בבית הכנסת בדברי חל, אוי לו!... שמראה שהרי אין לו חלק באלוקי ישראל...״ (זוהר הקדוש שמות פר׳ תרומה קלא:)